Editorial Department
JEWISH DAILY FORWARD
New York

JACOB LESTSCHINSKY
13, Dubnov Street
TEL-AVIV
ISRAEL
Telephone 28914

**יעקב לשצינסקי**
תל־אביב
רחוב דובנוב 13
טלפון: 28914

3---11---61

זייער חשובער און טיף געאכטעטער קאָלעגע ג. קרעסל! טויזנט ברכות אויף אייער קאָפּ פאַר אײַער הזוי װאַרימען בריװ און פאַר דעם ערנסטען און ערליכען קריטיק-ארטיקל. געליינט דעם ארטיקל נאָך פאַר אייער בריװ און זיך געקליבען קריגען אייער אדרעס און איך שרייבן א דאנק־ יאַ דאנק, װייל אפילו אזא זקן װי איך זינדיג נאָך מיט ארויסקוקען אויף א ערליכע און לכן א פּאָזיטיװע רעצענזיע. איך װאָלט זייער געװאָלט זיך מיט אייך באקענען-בין איך דאָך אייער קורא װתיק און נאָך מער װי פּשוט א קורא. גלויב איך, אז איר זינט געװיס מיט פילע יאָרן יונגער פון מיר און איך װאָלט געװען העכסט צופרידען אויפצונעמען אייך בא מיר אין דער היים. [illegible]

איך שיק אייך בזה א רשימה פון מיינע גרעסערע װערק. ס'זיינען ניט אריין די טויזנטער ארטיקלען אין צײַטונגען און אין װאָכענבלעטער. בין איך דאָך געװען העכער 35 יאָר קאָרעספּאָנדענט פון "פאָרװערטס" פאַר דייטשלאַנד, רוסלאַנד און פּוילן. פילע צענדליגע ארטיקלען װעגן אידישן לעבן אין פּוילן אין די טרויעריגסטע דרייסיגער יאָרן זיינען געװען געדרוקט אין "דבר".

מיין ביאָגראַפיע קאָנט איר געפינען אין לעקסיקאָן פון זלמן רייזין. אמת דאָס איז נאָר ביזן יאָר 1925. אָבער די װייטערע מיינע װאַנדערונגען זיינען קורץ: איך בין פון די באָלשעװיקעס אװעק אין יאָר 1920 (איך האָב געהאַט גוטע פאַרבינדונגען צװישן די קאָמוניסטען-געװעזענע חברים פון די "פאַראייניגטע"--אין יאָר 1920 האָב איך זיך דערשלאָגען, אז מען זאָל אונז געבן א װאַגאָן און מיט א דערלויבעניש מיטצונעמען אונזערע כתב ידן און פאָרן קיין בערלין. מיר זיינען געפאָרען א גאַנצע גרופּע (בערגעלסאָן, בעל מחשבות, קלמאַנאָװיטש, קװיטקאָ און נאָך א פּאָר). איך האָב געלעבט אין בערלין ביז 1933. מערץ 1933 בין איך ארעסטירט געװאָרען אין בערלין און ארויסגעשיקט געװאָרען. נאָך פילע װאַנדערונגען פון בערלין קיין פּראַג, פון דאָרטען קיין ריגע, פונװאַנען איך בין װידער ארויסגעשיקט געװאָרען. פון דאָרטען קיין װאַרשע אָבער 1937 בין איך אויך פון פּוילן ארויסגעשיקט געװאָרען.

אוסף
ג' קרסל

פון פאריז

1938 בין אװעק קײן אמעריקא. און געלעבט דארטען ביז אנהויב 1959 און אװעק קײן ישראל.

איך מײן, אז איך האָב אײך שוין פארמאטערט ~~מיט~~ זאַט זײן גענוג. אויב איר װעט מיר שטעלן קאָנקרעטע פראַגען װעל מיט חשק ענטפערן.

זײט מיר געזונט און, תמיד אזוי פרוכטבאר קאָנסטאַנט נעכטיקע און קװאליטאטיװ, װי ביז איצט און װי איך װינטשעװע אײך פון גאנצען הארצען.

מיט די הארציקסטע גרוס

אײער יעקב לעשצינסקי

יעקב לעשצינסקי.

איך מײן, אז איך דארף זיך נים אנטשולדיגען װאס האָב געענטפערט אידיש-װעלט גרינגער-איך האָב די לעצטע פערציג יאָר נים געשריבען קײן העברײאיש, אָבער אָנגעהויבן האָב איך אין העברײאיש. הנ"ל

עיקר שכחתי: אין די יארן 1909 און ~~1910~~ ביז האָב גענירט אין העברײאישן "העולם" א נטער דער רעדאקציע פון דרויאנאָװ א "השקפה כלכלית"-א װעכענטליכע . די לעצטע צװײ ביכער ערשינענע זײנען אײך באקאנט. הנ"ל

יעקב לעשצינסקי.

## באַקאַנטליכסטע ביכער.

1) דער אידישער ארבעטער אין רוסלאנד,1906,ווילנע.

2) דער אידישער ארבעטער אין לאָנדאָן,1907, ווילנע.

3) מארקס און קאאוטסקי וועגען דער אידישער פראגע(רוסיש),1907, מאָסקווע.

4) דאָס אידישע עקאָנאָמישע לעבן אין רוסלאנד אין 19־טען יאָרהונדערט, 1917, קיעוו.

5) דאָס אידישע עקאָנאָמישע לעבן אין דער אידישער ליטעראטור,1919,מינסק.

6) דאָס אידישע פאָלק אין ציפערן,בערלין,1922.

7) אידישע וואנדערונגען אין די לעצטע 25 יאָר,1927,בערלין.

8) פראָבלעמע דער בעפעלקערונג בעוועגונג בא דען יודן(דייטש),1927,ארויסגעגעבן פון אינטער־נאציאָנאלן קאָנגרעס פאר דעמאָגראפיע,פאדוא.

9) די אנהויבן פון יידישער עמיגראציע און קאָלאָניזאציע בא יידן אין 19־טען יאָרהונדערט, 1929,בערלין.

10) צווישן לעבן און טויט (צען יאָר אידיש לעבן אין סאָוועטרוסלאנד)1930,ווילנע.

11) די עקאָנאָמישע לאגע פון אידן אין פוילן,1932, ווילנע.

12) דאָס ווירטשאפטליכע שיקזאל דעס דויטשען יודענטום (דייטש),1932,בערלין,( ארויסגעגעבן פון דער בערלינער אידישער קהילה).

13) דאָס אידישע פאָלק אין דער נייער איראָפּע.(אידיש ,דייטש,פראנצויזיש),1934,פאריזש(ארויסגעגעבן פון יידישן וועלט־קאָנגרעס).

14) די עקאָנאָמישע לאגע פון יידן אין מיזרח־איראָפּע (אידיש און העבראיש), פאריזש און תל־אָביב.

15) וואוהין גייען מיר? 1940,ניו־יאָרק.

16) די אידן אין סאָוועטרוסלאנד,1940,ניו־יארק און תל אביב,אידיש און העבראיש.

17) נדודי ישראל, תש"ח ,ירושלים.

18) תפוצות ישראל לאחר המלחמה ,תש"ח ,ירושלים .

19) די אידישע קאטאסטראָפע,1944 ,ניו־יאָרק .

20) אויפן ראנד פון אפגרונט,1947, בוענאָס איירעס.

21) קראיסיס, קעטעסטראָפע און סערוויוואל(ענגליש)1948,ניו־יאָרק.

22) ערב חורבן,1951,בוענאָס־איירעס .

23) דאָס נאציאָנאלע פנים פונם גלות־אידנטום,1956,בוענאָס איירעס.

24) הדמות הלאומית של יהדות הגולה,1959,תל־אָביב.

פילע בראָשורען און גאנץ גרויסע ארבעטען אין פאָלגנדיגע ענציקלאָפּעדיעס:
א) אשכול ,בערלין,דייטש און העבראיש.ב) אלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע (אידיש) באנד 1 און ב.4.
ג) פאסט ענד פרעזענט(ענגליש) ,ב.1 און ב.4 ,ניו־יאָרק. ד) יוניווערסל דזשואיש ענ־ציקלאָפּעדיע",ניו־יארק ה) אנציקלופדיה כללית,ירושלים(ו) אנציקלופדיה של גליות,ווארשע. ירושלים.